
הגדה
של
פסח
מיט
סיפור יציאת מצרים



# בדיקת חמץ

מען איז בודק דעם חָמֵץ צום שיין פון א ליכט. פאר'ן בודק זיין פירט מען זיך צו זאגן:

**הִנְנִי** מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה וְלֹא תַעֲשֶׂה שֶׁל בְּדִיקַת חָמֵץ, לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: וִיהִי נוֹעַם יְיָ אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

דערנאך מאכט מען די בְּרָכָה:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל בִּיעוּר חָמֵץ:

מען זאל אינזין האבן מיט דער בְּרָכָה צו פטר'ן די שְׂרֵיפַת חָמֵץ פון דעם מארגנדיגן טאג. מען זאל נישט מסיח דעת זיין און נישט אויסרעדן פון אנהויב ביז סוף בְּדִיקַת חָמֵץ. נאכ'ן בודק זיין זאל מען מבטל זיין דעם חָמֵץ וואס מען האט נישט געטראפן דורך'ן זאגן:

**כָּל** חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִיכָּא בִרְשׁוּתִי, דְּלָא חֲמִתֵּיהּ, וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ, [וּדְלָא יְדַעְנָא לֵיהּ], לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

א תְּפִלָּה נאך בְּדִיקַת חָמֵץ און בִּיטּוּל חָמֵץ:

**יְהִי** רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנוּ לָתוּר וּלְחַפֵּשׂ בְּנִגְעֵי בָתֵּי הַנֶּפֶשׁ, אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ בַּעֲצַת יִצְרֵנוּ הָרָע, וּתְזַכֵּנוּ לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ, וְאַתָּה בְּטוּבְךָ הַגָּדוֹל תְּרַחֵם עָלֵינוּ, וְתַסִּיעֵנוּ וְתַעַזְרֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ, וְתַצִּילֵנוּ מֵאִסּוּר חָמֵץ אֲפִלּוּ בְּכָל שֶׁהוּא, בְּשָׁנָה זוּ וּבְכָל שָׁנָה וְשָׁנָה כָּל יְמֵי חַיֵּינוּ, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

# סִימָנֵי הַסֵּדֶר






# סֵדֶר הַקְּעָרָה

מען זאל צוגרייטן דעם סדר טיש און די סימני הקערה ווען עס איז נאך טאג, כדי מען זאל קענען אנהייבן דעם סדר באלד ווי מען קומט אהיים פון שול און די קליינע קינדער זאלן אויך קענען מיטהאלטן. מען דעקט דעם טיש מיט שיינע כלים, יעדער לויט זיין מעגליכקייט. מען גרייט צו דעם היסב בעט, כדי מען זאל קענען עסן און טרינקען ווי פרייע מענטשן.

מען ברענגט אריין פארן בעל הבית א קערה מיט די סימנים אויסגעשטעלט לויט דעם סדר:

## זְרוֹעַ

א זכר צום קרבן פסח. דאס איז אן אנדענק צום זרוע נטויה, דער אויסגעשטרעקטער ארעם מיט וואס הקדוש ברוך הוא האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים.

## בֵּיצָה

ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט מען מקריב געווען דעם קרבן חגיגה אינאיינעם מיטן קרבן פסח. דעם קרבן חגיגה האט מען געגעסן פאר דעם קרבן פסח, כדי דעם קרבן פסח זאל מען עסן ווען מען איז שוין זאט. דעם קרבן האט מען גערופן "חגיגת ארבעה עשר". אלס זכר צום קרבן חגיגה וואס איז געווען געקאכט, לייגט מען א געקאכטע איי.

## מָרוֹר

אלס זכר צו דעם וואס די מצריים האבן פארביטערט דאס לעבן פון אונזערע עלטערן אין מצרים.

## חֲרֹסֶת

אן אנדענק צום ליים מיט וועלכן די אידן האבן געבויט ריזיגע פיראמידן אין מצרים.

## כַּרְפַּס

די חכמים האבן איינגעפירט צו עסן פאר דער סעודה א גרינצייג איינגעטונקען אין א פליסיגקייט, כדי צו ערוועקן דעם נייגער פון די קליינע קינדער, און די זאלן פרעגן וועגן אלע אנדערשע מנהגים פון דער נאכט. דער ווארט "כרפס" לייענט זיך צוריקוועגס "ס פרך". א רמז צו די זעכציג מאל צען טויזנט אידישע קינדער וועלכע האבן געארבעט עבודת פרך, שווערע ארבעט.

## חֲזֶרֶת

א זכר צום שעבוד מצרים, וואס איז אין אנהייב געווען גרינג און שפעטער צום סוף ביטער. דאס איז די טבע פון חזרת – ווען עס הייבט אן וואקסן איז עס זיס, און שפעטער צום סוף איז עס ביטער.




די פיר לשונות פון גאולה ווייזן אויף די פיר דרגות פון דער באפרייאונג וואס די אידן זענען דורכגעגאנגען ביז זיי האבן זוכה געווען ארויסצוגיין פון מצרים. **די ערשטע דרגה: והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים** – די אידן האבן נאך שווער געארבעט, אבער דער פלאג, די גזירות און פייניגונגען, האבן זיך אויפגעהערט. **די צווייטע דרגה: והצלתי אתכם מעבודתם** – די ארבעט האט זיך גענצליך אפגעשטעלט, אבער די אידן זענען נאך אלץ געווען אונטער דער הערשאפט פון די מצריים. **די דריטע דרגה: וגאלתי אתכם בזרוע נטויה** – די אידן זענען ארויס פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, פון מצרים צום מדבר. **די פערטע דרגה: ולקחתי אתכם לי לעם** – די אידישע קינדער האבן באקומען די תורה און זענען פארוואנדלט געווארן פון פרעה'ס קנעכט צום אויסדערוועלטן פאלק פון באשעפער.

# קַדֵּשׁ

באַלד ווי דער טאַטע קומט אַהיים פון שול טוט ער זיך אָן דעם ווייסן קיטל. מען פירט זיך צו טיילן פאר די קינדער ניס און מאַנדלען כדי זיי זאָלן באַמערקן אַז די נאַכט איז אַנדערש ווי אַנדערע נעכט און פרעגן וואָס עס איז דער באַדייט.

מען שווענקט אויס דעם בעכער און מען גיסט אָן ווייַן אויף קידוש. עס פּאַסט אַז דער בעל הבית זאָל זיך נישט אַליין אָנגיסן, נאָר אַ צווייטער זאָל אים אָנגיסן, אַלס זכר צו פרייהייט. טייל פירן זיך אַז אַלע וואָס זיצן בײַם טיש זאָגן מיט קידוש ווארט ביי ווארט מיט'ן בעל הבית. פאַר קידוש זאָל מען אינזין האָבן אַז מען גייט מקיים זיין די מצוה פון קידוש און די מצוה פון טרינקען דעם ערשטן כוס פון די אַרבע כוסות. ביים מאַכן די ברכה שהחיינו זאָל מען אינזין האָבן אַלע מצוות פון דער נאַכט: די פיר כוסות, מצה און מרור, און סיפור יציאת מצרים.





טייל פירן זיך צו זאָגן דעם נוסח פאַר קידוש:

הִנְנִי מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּם מִצְוַת כּוֹס רִאשׁוֹן מֵאַרְבַּע כּוֹסוֹת. לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

ווען פסח פאַלט אויס אום שבת, הויבט מען אָן דאָ:

בשקט: וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר:

יוֹם הַשִּׁשִּׁי. וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם: וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה: וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ, כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת:

אינדערוואָכן הויבט מען אָן דאָ:

סַבְרִי מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי:

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:**

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. וַתִּתֶּן לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה (לשבת שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ) מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, (לשבת אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְ) אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה זְמַן חֵרוּתֵנוּ (לשבת בְּאַהֲבָה) מִקְרָא קֹדֶשׁ, זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ, וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים. (לשבת וְשַׁבָּת) וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ (לשבת בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן) בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן הִנְחַלְתָּנוּ. בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ (לשבת הַשַּׁבָּת וְ) יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:

מוצאי שבת לייגט מען צו די ברכה, און מען מאַכט קידוש אויפ'ן סדר פון יקנה"ז: יין קידוש, נר הבדלה זמן.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל, בֵּין אוֹר לְחשֶׁךְ, בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים, בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה. בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִקְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הִבְדַּלְתָּ, וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה קִדַּשְׁתָּ. הִבְדַּלְתָּ וְקִדַּשְׁתָּ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בִּקְדֻשָּׁתֶךָ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְקֹדֶשׁ:

פרויען וואָס האָבן געמאַכט די ברכה שהחיינו ביי ליכט צינדן זאָלן נישט איבערמאַכן די ברכה (עס איז בעסער אַז זיי זאָלן אויך נישט ענטפערן אָמן אויף דער ברכה):

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:**

מען טרינקט אויס דעם גאַנצן כוס, ווייניגסטנס רוב דערפון, אָנגעלאַנט אויף דער לינקער זייט. לכתחילה זאָל מען אויסטרינקען דאָס גאַנצע אויפאַמאָל, אָדער כאָטש אין דער צייט וואָס עס נעמט צו טרינקען אַ רביעית. אויב מען האָט זיך פאַרזוימט ביים טרינקען מער ווי "כדי אכילת פרס", האָט מען נישט יוצא געווען.

מען פירט זיך אראפצוגיסן מיט'ן פינגער אביסל וויין פון דעם בעכער אלס זכר צו "אֶצְבַּע אֱלֹקִים הוּא" – דאס איז דער פינגער פונ'ם אויבערשטן – ביים זאגן די ווערטער:

# דָּם, וָאֵשׁ, וְתִמְרוֹת עָשָׁן:

דָּבָר אַחֵר, בְּיָד חֲזָקָה שְׁתַּיִם. וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה שְׁתַּיִם. וּבְמֹרָא גָּדוֹל שְׁתַּיִם. וּבְאֹתוֹת שְׁתַּיִם. וּבְמֹפְתִים שְׁתַּיִם: אֵלּוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, וְאֵלּוּ הֵן:

מען גיסט אראפ פון דעם כוס צען מאל, ביי יעדער מכה:

## דָּם. צְפַרְדֵּעַ. כִּנִּים. עָרוֹב. דֶּבֶר. שְׁחִין. בָּרָד. אַרְבֶּה. חֹשֶׁךְ. מַכַּת בְּכוֹרוֹת:





## רָחְצָה

מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט א ברכה על נטילת ידים.

**שְׂאוּ** יְדֵיכֶם קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת יְיָ: וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל מִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם:



## מוֹצִיא מַצָּה

**הִנְנִי** מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּים מִצְוַת אֲכִילַת מַצָּה. לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: וִיהִי נוֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ. וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ. וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

מען נעמט די דריי מצות, די צוויי גאנצע און די צובראכענע פונצווישן, און מען מאכט די ברכה:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ:

מען לייגט אראפ די אונטערשטע מצה און מען כאפט אן די צוויי פארבליבענע מצות. מען מאכט די ברכה:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל אֲכִילַת מַצָּה:

מען צוברעכט די אויבערשטע און אונטערשטע מצה, און מען עסט א כזית פון יעדער מצה באזונדער. מען טיילט די כזיתים פאר די אנוועזנדע ביים סדר טיש און מען עסט עס אנגעלאנט.

## מָרוֹר

מען נעמט א כזית מרור און מען טינקט עס איין אין חרוסת. מען שאקלט אראפ די חרוסת און מען מאכט די ברכה "על אכילת מרור". מען זאל אינזין האבן צו פטר'ן מיט דער ברכה אויך דעם מרור פון כורך. עס איז בעסער נישט אויסצורעדן ביז נאך כורך.

**הִנְנִי** מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּים מִצְוַת אֲכִילַת מָרוֹר. לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: וִיהִי נוֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל אֲכִילַת מָרוֹר:

מען זאל עסן דעם מרור אין דעם שיעור פון "כדי אכילת פרס", און נישט עסן אנגעלאנט.







## כּוֹרֵךְ

מען נעמט א כזית פון דער דריטער מצה און מען לייגט אריין אינצווישן א כזית מרור. עס זענען דא וואס טינקען עס איין אין חרוסת, און מען זאגט:

**זֵכֶר** לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל. כֵּן עָשָׂה הִלֵּל. בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם הָיָה כּוֹרֵךְ פֶּסַח מַצָּה וּמָרוֹר וְאוֹכֵל בְּיַחַד לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר עַל מַצּוֹת וּמְרוֹרִים יֹאכְלֻהוּ:

מען עסט עס אנגעלאנט אויף דער לינקער זייט, אין דעם שיעור פון "כדי אכילת פרס".

## שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ



מען גרייט דעם טיש לכבוד יום טוב. מען זאל געווארנט זיין נישט צו עסן און טרינקען צופיל, כדי מען זאל נישט עסן דעם אפיקומן ווען מען איז איבערגעפילט, נאר מיט אפעטיט. טייל פירן זיך צו עסן אייער; מען זאל מהדר זיין אויפצועסן די ביצה פון דער קערה, ווייל דאס איז א זכר צום קרבן חגיגה. דעם זרוע זאל מען אבער נישט עסן ביז צומארגנס. לכתחילה זאל מען זיצן אנגעלאנט ביי דער גאנצער סעודה.

# סִפּוּר
# יְצִיאַת מִצְרַיִם
## דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם גָלוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין לַאנְד מִצְרַיִם

דֶער שְׁוֶוערֶער שִׁעְבּוּד אוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט
וָואס הָאט פוּן דֶער פִינְסְטֶערְנִיש אַרוֹיסְגֶעשַׁייְנְט
דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הַשי"ת הָאט אִין דֶער צַייט
גֶעוִויזְן פַאר דִי אִידְן מִיט זַיין שְׁטַארְקֶער הַאנְט

(לוֹיט דִי מִדְרָשִׁים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל)



**בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ יָצָא מִמִּצְרַיִם.**

סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז דִי שְׁטוֹיְנֶענְדֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אַ פָאלְק וָואס אִיז אוּנְטֶערְדְרִיקְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אֵיינְוואוֹינֶער פוּן דֶעם לַאנְד וואו זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, אוּן אִיז דַאן אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

גַאנְצֶע צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען יָאר אִיז דָאס פָאלְק גֶעוֶוען פַארשְׁקְלַאפְט. זֵייעֶר פִיל הָאבְּן זֵיי גֶעלִיטְן, פוּן בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶערוֹיבְּט גֶעוָוארְן אוּן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת. פִיל הָאט מֶען אַרַיינְגֶעוָוארְפְן צְוִוישְׁן דִי כְוָואלְיֶעס פוּן טַייךְ, אוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאט מֶען אַרַיינְגֶעבּוֹיט אִין דִי וֶוענְט אַנְשְׁטָאט צִיגְל. מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'שָׁחְט'ן פִיל קִינְדֶער כְּדֵי דֶער קֶענִיג זָאל זִיךְ בָּאדְן אִין זֵייעֶר בְּלוּט. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי זֵייעֶר פַּיין נֶעמְט נִישְׁט קֵיין סוֹף.

דָאס פָאלְק הָאט דַאן גֶעבֶּעטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן פוּן דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן הַארְץ. אוּן דַאן: "וַיִּשְׁמַע אֱלוֹקִים אֶת נַאֲקָתָם וַיִּזְכּוֹר אֱלוֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ אֶת אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק וְאֶת יַעֲקֹב... וַיֵּדַע אֱלוֹקִים". דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי אוּן הָאט גֶעדֶענְקְט זַיין בּוּנְד וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב... אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיךְ ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן דֶער טוּמְאָה וואוּ זֵיי זֶענֶען פַארזוּנְקֶען גֶעוָוארְן אִין גָלוּת. עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַאנְט, מִיט אַן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶער אָרֶעם אוּן מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אָט דָאס אִיז דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם; אַ גֶעשִׁיכְטֶע וָואס מִיר זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן צוּ גֶעדֶענְקֶען יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל אוּן נָאכְמֶער הַיינְט בַּייְנַאכְט, אִין דֶער הֵיילִיגֶער סֵדֶר נַאכְט, אוֹיף וֶועלְכֶער עֶס שְׁטֵייט, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח" – יֶעדֶער וָואס פַארמֶערְט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אִין סֵפֶר הַחִינוּךְ שְׁטֵייט: עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִין דֶער נַאכְט פוּן דֶעם פוּפְצֶנְטְן טָאג אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, יֶעדֶער לוֹיט זַיין שְׁפְּרַאךְ. מֶען זָאל לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי אַלֶע נִיסִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז דָארְט גֶעטוּן.

אִין דֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז נִישְׁט גֶענוּג נָאר צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי נִיסִים, ווִי מִיר זֶענֶען מְחוּיָּב אַ גַאנְץ יָאר, נָאר מִיר דַארְפְן דֶערְצֵיילְן דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אוּנְזֶער גְאוּלָה מִיט אַלֶע פְּרָטִים. מֶען דַארְף דֶערְמָאנֶען דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הָעִנְיָנִים, אַלֶע אַנְטְוִויקְלוּנְגֶען וָואס הָאבְּן צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן וֶוען יַעֲקֹב אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם, דִי יָארְן פוּן פְּלָאג, דִי מַכּוֹת, אוּן צוּם סוֹף דִי גְאוּלָה פוּן אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער. מֶען דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן דִי זַאכְן מִיט'ן מוֹיל, ווַייל רֶעדְן עֶרְוֶועקְט דָאס הַארְץ. אוֹיף דֶער מִצְוָה אִיז נִישְׁטָא דֶער אִיסוּר פוּן "בַּל תּוֹסִיף"; אַדְּרַבָּה, כָּל הַמַּרְבֶּה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח!

אִין יֶעדְן דוֹר אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָּב זִיךְ צוּ בַּאטְרַאכְטְן ווִי עֶר וָואלְט אַלֵיין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט'ן שֵׂכֶל, נָאר מֶען דַארְף דָאס בֶּאֱמֶת מִיטְפִילְן.

אוּן ווִיאַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דָאס צוּ שְׁפִּירְן? דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר טִישׁ מַמָּשׁוּת'דִיגֶע זַאכְן, ווִי מַצָּה אוּן מָרוֹר, וָואס מַאכְן דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם ווִי לֶעבֶּעדִיג. אוֹיךְ שִׁילְדֶערְן מִיר יֶעדְן חֵלֶק פוּן דֶער גְאוּלָה אוּן דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים מִיט אַלֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן, כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְמָאלְן אִין גֶעדַאנְק לֶעבֶּעדִיגֶע בִּילְדֶער. נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר צוּקוּמֶען צוּם גֶעפִיל ווִי מִיר וָואלְטְן דָארְט אַלֵיין גֶעוֶוען.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם בְּהִידּוּר אוּן שְׁטַארְקְן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אִין אֱמוּנָה, כְּדֵי מִיר זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם סֵדֶר נַאכְט מִיט אַ גְרוֹיסֶער רוּחְנִיוּת'דִיגֶער פַארְמֶעגְן.

